









ווײַל מיר לערנען בעסער,
ווײַל מיר ווערן פעסטער,
וועט אונדז סטאַלין טרויען
אונדזער היימלאַנד בויען.

---

וואָלף און וועווריק

וואָלף און קליינער וועווריק
וועטן א געוועט:
ווער דאָס וועלדל גיכער
איבערלויפן וועט.
וואָלף אפ דר׳ערד לויפט אונטן,
ווילד ער איַלט, פארשוויצט,
וועווריק אפ דיביימער –
שפרינגט פון שפיץ אפ שפיץ...






# לייב קוויטקאָ 1890?-1952

יעדעס סאָוועטישע קינד האָט געלייענט אין אַ רוסישער איבערזעצונג שפּילעוודיקע לעבעדיקע לידער פֿון לייב קוויטקאָ, מערסטנס נישט וויסנדיק, אַז די אָריגינעלע פֿערזן זײַנען געשריבן געוואָרן אויף ייִדיש. אַ געבוירענער אין האָלאָסקאָוו (אוקראַיִנע) אַרום 1890, איז לייב קוויטקאָ געוואָרן אַ וויכטיקער פֿאָרשטייער פֿונעם ייִדישן אַוואַנגאַרד, אי פֿאַר דערוואַקסענע אי פֿאַר קינדער. די יונגע ייִדישע קולטור האָט בײַם אָנהייב אינוועסטירט אין שאַפֿן קינדער־ליטעראַטור און געזוכט דעם אופֿן צו רעדן מיט קינדער אין זייער לשון. קוויטקאָס פֿריִע לידער־זאַמלונגען, ווי לידעלעך (קיִעוו, 1917) און 1919 (בערלין, 1923), באַשרײַבן אויף דעם זעלביקן ספּאָנטאַנעם נאַטירלעכן שטייגער די פֿילפֿאַרביקע קינדערוועלט, פֿון איין זײַט, און די שרעקלעכע פּאָגראָמען פֿון די יאָרן 1919-1921, פֿון דער אַנדערער. קוויטקאָס אַסקעטישע שפּראַך, פּשוטער ווערטער־אוצר און אויסדרוקפֿולע מעטאַפֿאָרן אַנטבלויזן דעם עקסיסטענציעלן פּחד און אַכזריותן וואָס ער איז אַליין געווען פֿון זיי אַן עדות. אין זײַן פּאָעטישן שאַפֿן סײַ פֿאַר קינדער סײַ פֿאַר דערוואַקסענע האָט קוויטקאָ מיטגעאַרבעט מיט קינסטלער פֿונעם ייִדישן אַוואַנגאַרד: יששׂכר־בער ריבאַק האָט אילוסטרירט זײַנע ביכער פֿויגלען (1922), אין וואַלד (1922), קאַרל און מיזראַ (1927), רינג אין רינג (1929), און ל. ליסיצקי — קוויטקאָס איבערזעצונגען פֿון ווײַסרוסישע און אוקראַיִנישע פֿאָלקס־מעשׂיות.

נאָך פֿיר יאָר אין בערלין און אין האַמבורג (1921-1925), האָט קוויטקאָ זיך באַזעצט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, ווו ער האָט אין די 1930ער יאָרן געדאַרפֿט זיך צופּאַסן צום סאָצרעאַליסטישן סטיל. זײַן פּאָזיציע אין דער ליטעראַרישער סאָוועטישער וועלט איז דעמאָלט געווען אָפּגעשוואַכט נאָך דער פּובליקאַציע (1929) פֿון זײַנע סאַטירישע לידער (צווישן אַנדערע קעגן דעם רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטונג דער עמעס, משה ליטוואַקאָוו), וואָס האָבן אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקע קאַמפּאַניע קעגן אים.

פֿון זײַן גאַנצער פּאָעטישער ירושה האָט ער געהאַלטן פֿאַרן הויפּטווערק דעם ראָמאַן אין פֿערזן יונגע יאָרן, געשריבן צווישן 1928 און 1941 (אַרויס אין בוכפֿאָרעם ערשט אין 1984).

ווי אַ מיטגליד פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט איז ער דערשאָסן געוואָרן דעם 12טן אויגוסט 1952.

וואַלענטינאַ פֿעדטשענקאָ

# Leyb Kvitko 1890?-1952

Tous les enfants soviétiques lurent en traduction russe les poèmes espiègles et joyeux de Leyb Kvitko, sans savoir, pour la plupart, qu'ils étaient originellement écrits en yiddish. Né à Holoskov (Ukraine) vers 1890, le poète se fait d'abord connaître comme un représentant majeur de l'avant-garde yiddish, pour adultes et enfants. La jeune culture yiddish s'engage alors dans la production d'une littérature de qualité pour les plus jeunes, auxquels elle souhaite s'adresser avec leurs propres mots. Les recueils de la première période de Kvitko, tels *Lidelekh* (Petits poèmes, Kiev,1917) et *1919* (Berlin, 1923), très différents l'un de l'autre par leurs thèmes, décrivent avec la même spontanéité et le même naturel d'un côté le monde multicolore de l'enfance, de l'autre l'horreur des pogroms de 1919-1921. La langue de l'auteur, avec son extrême sobriété, son lexique simple, ses métaphores expressives, exprime la crainte existentielle provoquée par les terribles cruautés dont il a lui-même été témoin. Qu'il écrive pour les adultes ou pour les enfants, il collabore avec des artistes juifs d'avant-garde : Issachar Ber Ryback illustre ses livres *Foyglen* (Oiseaux, 1922), *In vald* (Dans la forêt, 1922) *Karl un Mizra* (Karl et Mizra, 1927), *Ring in ring* (Anneaux embrassés, 1929), et El Lissitzky, les contes ukrainiens et biélorusses que Kvitko a traduits en yiddish.

Après avoir séjourné cinq ans (1921-1925) à Berlin et à Hambourg, Kvitko s'installe en URSS où il doit se plier aux normes du « réalisme socialiste » dans les années 1930. En 1929 déjà, la publication de ses poèmes satiriques (qui visaient entre autres Moyshe Litvakov, le rédacteur en chef du journal *Der Emes*) lui a valu une campagne d'attaques qui a affaibli sa position dans le monde littéraire soviétique.

Il considérera comme son œuvre majeure le roman en vers *Yunge yorn* ( Jeunes années), écrit entre 1928 et 1941 (et qui ne sera publié en volume qu'en 1984).

Membre du Comité antifasciste juif, il est fusillé le 12 août 1952.

*Valentina Fedchenko*